# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו



תתתתקס) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' אברהם קויפמאן שליט"א

אונזער משפחה האט געהאט א שטארקע התקשרות אין הרה"ק מריבניץ זצוק"ל. מיין מאמע תחי' האט זוכה געווען צו באקן די חלות לכבוד שבת פאר דעם צדיק במשך 28 יאר.

עס איז געווען איינמאל שבעה עשר בתמוז ווען עס איז געווען א ברית אין א בנין נעבן וואו דער ריבניצער רבי האט געוואוינט. מ'האט מכבד געווען דעם ריבניצער רבי'ן מיט מוהלות, און ער האט געוואוינט אויף די פינפטע שטאק, און דער ברית איז געווען אינעם דערנעבנדיגן בנין אויף די פינפטע שטאק. אזוי אז מ'האט געדארפט אראפגיין פינף שטאק און צוריק ארויפגיין פינף שטאק, אין א שווערן הייסן טאג.

ווען דער ריבניצער רבי איז געגאנגען צום ברית האט ער מיטגענומען זיין 'עמדין סידור' כדרכו בקודש. נאכן ברית צוריק קומענדיג אהיים האט ער באמערקט אז ער האט נישט דעם סידור. האט ער געפרעגט דעם הויז-בחור צי מ'האט נישט איבער געלאזט דעם סידור ביים ברית, דער הויז בחור האט פארשטאנען אז ער וועט יעצט דארפן קריכן פינף שטאק אראפ און פינף שטאק ארויף ברענגען דעם סידור, האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז דארט איז זיכער נישט דער סידור.

פלוצלונג באמערקט מען אז דער רבי איז נישטא... נאך עטליכע מינוט איז דער רבי אנגעקומען ארויף די טרעפ מיטן סידור אין די הענט. זעהנדיג אז עס קומט אן דעם הויז-בחור שווער האט ער אים נישט געוואלט מטריח זיין, און כאטש ער איז שוין געווען א אלטער שוואכער איד איז ער נאכאמאל געגאנגען דעם שווערן וועג, כדי נישט מטריח זיין דעם בחור. (דוד סג"ל מערמלשטיין)

תתתתקסא) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' נח גפן שליט"א שו"ב

נאך די מלחמה איז מיין טאטע הרה"ח ר' יושע ע"ה געווען אין עסטרייך. אין יענע צייט ווען עס איז געווארן די מדינה האט זיך דארט אויפגעשטעלט איינער פון די חשוב'ע רבנים, און יענער האט געהאלטן א דרשה וואס איז ליידער געווען פול מיט ציונות. ובתוה"ד האט ער גערעדט מיט א שטארקע ביטול פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.** (אין יענע ביטערע תקופה נאכן חורבן, ווען די אידן זענען ליידער געווען אזוי צובראכן און צוקלאפט נאך די אלע שווערע צרות וואס מען איז דורכגעגאנגען, זענען געווען זייער ווייניג אידן וואס האבן זיך געהאלטן מיט די קלארע מיינונג בנוגע די קליפה הציונית, און דער גרעסטער טייל כלל ישראל האט אויף די מינוט געהאלטן אז די מדינה הציונית איז ח"ו א ישועה פאר אידישע קינדער).

מיין טאטע איז געווען א תלמיד פונעם רבי'ן, און ער איז געווען שטארק אויסגעקאכט אין די הייליגע שיטה, האט ער זיך אויפגעשטעלט און בקול רעש גדול האט ער שארף מוחה געווען קעגן די ווערטער פון דעם רב. עס איז געווארן א גרויסער טומל אינמיטן די דרשה ווען טייל נעמען זיך אן פאר מיין טאטן, און אנדערע פארן רב.

מיט א תקופה שפעטער ווען מיין טאטע ע"ה איז שוין געווען דא אין אמעריקע, גייענדיג צום רבי'נס טיש אנקומענדיג נאך איידער דער רבי איז אריינגעקומען צום טיש, זעהט ער ווי יענער רב זיצט ביים טיש צווישן די רבנים אויפן אויבנאן. מיין טאטע איז געווארן זייער אויפגערעגט ווען ער האט גוט געדענקט די דברי דופי וואס יענער רב האט גערעדט איז ער אריינגעלאפן צום רבי'ן און ער דערציילט פארן רבי'ן ווער עס איז דא ביים טיש, און ווער יענער רב איז.

דער רבי הערט אים אויס און ער האט אים בארוהיגט זאגנדיג "דער רב האלט שוין נישט היינט אזוי ווי ער האט געהאלטן אמאל, דעמאלטס איז געווען א שווערער נסיון און די גאנצע וועלט איז געווען פאר'שיכור'ט, און מ'קען קיינעם נישט דן זיין לויט יענע זמנים".

מיט די יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער רב איז געווען פון די חשוב'ע היימישע רבנים, וועלכער איז צוגעשטאנען צום רבי'נס האנט מיט א געטריישאפט, און געווען א לוחם קעגן ציונית און אלע ענינים וואס דאס איז נוגע.

(יואל יושע גפן, משה קטינא, משה גפן, אלתר ברוך גפן)

תתתתקסב) עס האט דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' יודא ארי' גראד ע"ה

איך האב געהערט פון מו"ר הרה"ח ר' משה וואלף שווארץ ע"ה דער בארימטער מלמד אין די סאטמארע תלמוד תורה אין לאנדאן, אז אין יענע תקופה וואס **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען אין לאנדאן האט ער דאך נישט געהאט קיין איין מינוט מנוחה, ווען יעדן נאכמיטאג פון ווען דער רבי האט געענדיגט דאווענען האבן אידן באלאגערט די אכסניא אין שטוב פון הרה"ח ר' געציל בערגער ע"ה, דאס איז געווען אויסער די טירדות פון ארומגיין באזוכן די רבנים, די מוסדות, די אבן הפינה ביי די מקוה.

צווישן די אידן וואס זענען דעמאלטס אריין צום רבי'ן איז געווען איינער פון די בארימטע ששון משפחה, וועלכער האט געוואוינט אין א שטעטל נעבן לאנדאן. דער איד איז געווען א תלמיד חכם און א גרויסער עושר, און ער פלעגט שטיצן די מוסדות התורה און אויך שיין אויפנעמען עניים ואביונים מיט גרויסע געלטער.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן האט ער געזאגט אז ער האט א קאמפליצירטע הלכה'דיגע שאלה וואס ער האט שוין געפרעגט מערערע גדולי הדור, אבער קיין שום תשובה האט אים נאכנישט צופרידנגעשטעלט.

דער רבי האט אים אויסגעהערט זיין שאלה, און דאן האט ער אים געזאגט אז אויף די מינוט ווען עס שטייט א גרויסער ציבור אוןווארט אריינצוקומען איז שווער צו קענען דן זיין אין די שאלה, און ער האט אים געהייסן קומען מארגן אינדערפרי פארן דאווענען. דער איד איז צוריק געקומען, און ווי נאר ער וויל נאכאמאל אנהויבן צו רעדן זאגט אים דער רבי "איך האב שוין מעיין געווען אין דעם ענין"... און דער רבי האט אים אויף די מינוט מבאר געווען דאס גאנצע ענין באופן נפלא.

דער הרב ששון איז ארויסגעגאנגען פון התפעלות הערנדיג דעם רבי'נס ביאור, האט ער זיך אנגערופן יעצט פארשטיי איך דעם פסוק "כי מלאך ה' צבקות הוא ותורה יבקשו מפיהו"... און ער האט דערויף אפגעשריבן 28 בלעטער דעם בירור הענין וואס דער רבי האט אים דעמאלטס געזאגט. (יואל מיכאל גראד)

תתתתקסג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

אין די תקופה ווען עס איז אנגעגאנגען די ביטערע גזירה פון די 'ניתוחי מתים' (די ציונים פלעגן נעמען קערפערס פון מתים, אדער מענטשן וואס האבן געהאלטן ביים שטארבן, און דאס אויפגעשניטן און ארויסגענומען אברים ר"ל, פאר זייערע מעדיצינישע פארשונגען). האט דער רבי מרן **בעל דברי יואל זי"ע** געפירט א שווערע מערכה דערקעגן.

בשנת תשכ״ז לפ״ק איז געווען א גרויסע דעמאנסטראציע אין מאנהעטן סענטער קעגן די גזירה, מיטן די באטייליגונג פון אלע שיכטן און קרייזן. ביים פראטעסט האט אויפגעטרעטן הרב ר׳ פינחס טייץ ז״ל רב פון עליזאבעט און חבר פון אגודת הרבנים, האט ער געזאגט בתוך הדברים אויפן פסוק ״לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת״ זאגט די גמרא (יבמות י״ג) לא תתגודדו, לא תעשו אגודות אגודות, האט ער געזאגט ״ליידער זענען מיר אגודות אגודות, מיר האבן פארשידענע חילוקי דיעות צווישן זיך, אבער ווען עס קומט צו ולא תשימו קרחה למת, די גזירה פון ניתוחי מתים, איז לא תתגודדו, עס טאר נישט זיין קיין אגודות, אלע אגודות ווערן ווי איינס, יעדער נעמט זיך צוזאם אלע כוחות לוחם זיין קעגן די גזירה״.

אויפן וועג אהיים האט זיך דער רבי אנגערופן ״איך טייטש לא תתגודדו, ווען עס וואלט ווען נישט געווען די אלע אגודות, און דאס גאנצע יהדות החרדית וואלט געווען פאראייניגט בדעה אחת קעגן די ציונית, דעמאלטס ולא תשימו קרחה למת, וואלט בכלל נישט געקומען צו די גזירה פון נתוחי מתים״. (אין ספה״ק ויואל משה מ״א סי׳ קט״ז שרייבט דער רבי בלש״ק: וכל מי שיש לו מח בקדקדו יוכל להבין ברור כי אלו לא היו משתתפים האגודה ביניהם ומתחממים מהם, היו יכולין ללחום יותר בחו״ל עבור התוה״ק, והיו באים לעזרת ה׳ בגיבורים כדת של תורה, והי׳ בזה כח גדול של עוד כמה רבנים וראשי ישיבות, והיה בזה השפעה יותר גם על ההמון, ובוודאי הי׳ בזה פעולה גדולה למנוע אותם מהרבה גזירות ועניני העברת הדת, ויוכל להיות שאז היה מועיל אצלם גם בקשות ותחנונים שהיו פונים יותר לדברי יראי׳ ה׳ מחמת שלא הי׳ להם חיזוק כ״כ מכל מיני דתיים, לא כן עכשיו שגם האגודה ביניהם ובידם, ויש להם מזה חיזוק רב הפסידו הכל, ומה שנמנעים באיזה ענינים לעשות נגד הדת הוא ברור שאין זה אלא מפחד העולם שבחו״ל ומאותן שלא נכנסו בשום מפלגה ולא נתעוורו עיניהם ויכולים להגיד האמת, אולם אנשי האגודה מענה בפיהם שכוחם ועוצם ידם פעלו זה והכל הוא משלהם, אבל משכיל על דבר לא יסתפק בזה ויודע שנהפוך הוא. ואוכל לברר על כל פרטי מעשיהם ודבריהם שישיבתם ביניהם אינו אלא קלקלה, אלא שאין רצוני להאריך בקונטרס הזה בפרטי המעשיות, אבל האמת עד לעצמו. עכ״ל שם.

ועי׳ בספה״ק עה״ג ועה״ת (סי׳ קט״ו) ״והנה עדיין עומדים במרדם ומגדילים אשמיהם עוד הרבה במדה גדושה יותר הן בניתוחי המתים ביד חזקה ובחילול שבת וכהנה וכהנה, כי קבלו חיזוק יותר מהמספרים בנסים ונפלאות שלהם״.(יעקב זילבערשטיין, שמעי׳ ברוך גאלד)

### תתתתקסד) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה״ח ר׳ יושע ווערצבערגער הי״ו מאנטריאל

ווען דער רבי מרן הדברי יואל זי״ע האט מייסד געווען די סאטמארע ישיבה אין מאנטריאל האט ער א נאמען געגעבן די ישיבה ״ישמח משה״.

מיין טאטע ז״ל איז געווען פון די אקטיווע ראשי הקהלה און ער האט געשפירט אז דער נאמען איז נישט אזוי צוגעפאסט אז מ׳זאל קענען געהעריג שאפן געלט דערויף. איז ער אריבער געפארן צום רבי׳ן אין שטוב, און געבעטן רבי יוסף אשכנזי ע״ה צי מ׳קען טוישן צו א צווייטן נאמען.

האט אים ר׳ יוסף מייעץ געווען אז ער זאל נישט רעדן צום רבי׳ן דערוועגן, ווייל דער רבי האט נישט ליב ווען מ׳מישט זיך אריין אין זיינע ענינים. און ער האט אים דערציילט אז אין יענע צייט איז געווען אן אסיפה ביים רבי׳ן אין שטוב, און איינער פון די חשוב׳ע חסידים האט געזאגט זיין מיינונג אנדערש ווי דער רבי, האט אים דער רבי געזאגט ״הער מיך אויס, ביי דיינע ביזנעס קומסטו מיך פרעגן יעדע זאך א עצה, און ביי מיינע ביזנעס קומסטו מיר געבן עצות? !״...

מיין טאטע האט געזאגט אז ער וויל נאר זאגן פארן רבי׳ן וואס ער האט צו זאגן, און ער וויל אוודאי גארנישט איינטיילן וואס צו טון. ווען ער איז אריין צום רבי׳ן און ער האט געזאגט זיין מיינונג האט דאס דער רבי באלד אנגענומען און געגעבן א נאמען ״תורת משה״. (יוסף ווערצבערגער)

### תתתתקסה) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה״ג ר׳ אלי׳ סימאן שליט״א ר״מ בישיבה״ק

איך בין אנגעקומען קיין אמעריקע זומער תשכ״ו לפ״ק, און איך בין אריין לערנען אין די ישיבה פון רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע, און א דאנק מיין פעטער הרה״ח ר׳ מאיר דייטש הי״ו וועלכער איז געווען פון די משמשים בקודש האב איך געקענט שטיין ביי די טישן נאנט צום רבי׳ן, און איך האב געקענט נאכקוקן יעדע תנועה קלה.

ביים רבי׳ן פלעגט מען אפט זעהן ביים טיש דברים נפלאים מאד, בפרט ביים דרימלען איז געווענליך געווען העכערע זאכן, וסוד ה׳ ליראיו. דאס האט מען אפט געזען ווען דער רבי האט געטיילט פירות פארן עולם, האט ער אפטמאל איינגעדרימעלט אינמיטן טיילן, האלטענדיג די פירות א שטיק צייט העכער די האנט פון דעם וואס איז געשטאנען אין די רייע און געווארט איבערצונעמען די פירות. ביי אנ״ש וואס זענען געווען געוואוינט צום רבי׳נס דרימלען האבן שוין געוואוסט אז הלא דבר הוא.

געדענק איך ווי שבת פר׳ נשא (אולי בהעלתך) בשנת תשכ״ז לפ״ק נאך די זעקס טאגיגע מלחמה ווען אין ארץ ישראל איז געווען דער שרעקליכער בלבול המוחות ווען דער רבי האט געטיילט פירות פאר די בחורים, האט פאסירט אז ווען עס איז דורכגעגאנגען א בחור וואס זיינע עלטערן האט געוואוינט אין ארץ ישראל, האט דער רבי איינגעדרימלט א קורצע צייט און דערנאך ווייטער געטיילט, אזוי איז געווען די גאנצע צייט אז נאר ביי יעדן ארץ ישראל׳דיגן בחור האט ער איינגעדרימעלט, ביז ווען דער משב״ק האט דאס באמערקט האט ער זיך אונטערגעמורמלט ווען עס איז געקומען א ארץ ישראל׳דיגער בחור ״נאך א איזרעלי...״. (ליפא סימאן, חיים סאנדעל)

### תתתתקסו) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה״ח ר׳ מענדל ווייס הי״ו

אונזער זיידע הרה״ח ר׳ אברהם חיים ווערצבערגער ז״ל איז געווען א גרויסער ערליכער איד, א ירא שמים מרבים, און ער איז געווען דבוק מיט א שטארקע דבקות צו צדיקי אמת, בפרט צום הייליגן **נאסאדער רב זי״ע.**

ביי מיין שבת שבע ברכות בין איך געזעסן נעבן אים, ער איז געווען זייער שוואך, און ער האט כמעט גארנישט גערעדט. אינמיטן איז צוגעקומען א איד און פרעגט אים ״רבי אברהם חיים, איר געדענקט נאך דעם נאסאדער רב?״, האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיט א פלאם פייער און א ברען עס האט אויסגעזעהן ווי עס איז אריין אין אים פרישע כוחות רעדנדיג פונעם נאסאדער רב, און ער האט געזאגט ״ער איז נישט געווען קיין מענטש, ער איז געווען א מלאך״...

ער האט דעמאלטס דערציילט אז ער איז אמאל געגאנגען מיטן נאסאדער רב אין מקוה, עס איז קאכעדיג הייס און עס איז נישט מעגליך געווען פאר מענטשן אריינצוגיין, אבער דער נאסאדער רב איז אריינגעגאנגען און זיך גע׳טובל׳ט, און ער איז געבליבן זייער לאנג אונטערן וואסער. (כ׳געדענק נישט צו ער האט געזאגט 5 מינוט, אדער מער ווי פינף מינוט)...

דאס איז געווען א געוואלדיגער לימוד פאר אלע ארומיגע צו זעהן וואס עס הייסט א מדריגה אין דבקות בצדיקי אמת. (שמעון מרדכי ווייס, אברהם ווייס, גבריאל ווייס)

### תתתתקסז) עס דערציילט אונזער טאטע
## הרה״ח ר׳ נפתלי מענדל שטיינמעטץ הי״ו

מיין מאמע ע״ה איז געווען שטארק אויסגעצייכנט אין מידת החסד. זי האט געהאלפן איר מאן - מיין טאטן, להבחל״ח - הרה״ח ר׳ אברהם זאב שליט״א, מיט פרנסה, דורכן אנפירן מיט א פיש געשעפט. ווען זי האט באמערקט אויף איינעם וואס איז געקומען קויפן פיש אז ער איז אין א שווערן מצב און ער האט נישט קיין געלט, האט זי צוריק געלייגט דאס געלט אינעם זעקל פון די פיש, כדי ער זאל נישט פארשעמט ווערן דורך דעם וואס זי נעמט נישט זיין געלט.

אזוי אויך ווען זי האט געהאט אויפגעשריבן פאר איינעם אסאך חובות, און זי האט געזעהן אז יענער קען נישט באצאלן דעם חוב, האט זי דאס פשוט אויסגעמעקט פונעם בוך.

אויסער דעם איז זי געווען א מורא׳דיגע אשה צנועה, קיינמאל האט זי נישט איבערגעגעבן דאס זעקל פיש אין די הענט פון א מאן, נאר זי האט דאס אראפגעלייגט אויפן טיש, און יענער האט דאס אליין גענומען.

איר שטוב איז געווען אפן פאר יעדן לב נשבר, און זי האט געגעבן צו עסן פאר יעדן בסבר פנים יפות וברוח נדיבה, אזוי ווי פאר אייגענע קינדער. אין איר שטוב האט זי אויפגעצויגן א מיידל א יתומה במשך צוועלף יאר נאכאנאנד, און דאס מיידל האט אין איר געזעהן ממש א אייגענע מאמע. יהא זכרה ברוך. (מרדכי יושע שטיינמעטץ)